NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 12911

NU, A GUTN, IKH GEY AVEK

Sandor Barta

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.

ביבליאָטעק „שול-טעאַטער"
רעדאַקטירט פון ש. באַסטאָמסקי

א. באַרטאָ

נו, אַ גוטן, איך גיי אַוועק!

יִדיש- ש. באַסטאָמסקי

[illegible]

פאַרלאַג „נײַע יִדישע שול"
1938 ○ ○ ○ ○ ○ ○ ווילנע

ביבליאטעק „שול-טעאטער"
רעדאַקטירט פון ש. באַסטאַמסקי

א. בארטא

נו, א גוטן, איך גיי אוועק!

יידיש — ש. באַסטאַמסקי

פאַרלאַג „נײַע יידישע שול"
ווילנע ○ ○ ○ ○ ○ ○ 1938

Printed in Poland

S. Barto

Nu, a gutn, ich gej awek!

Przetłómaczył — S. Bastomski

Druk. Ekspres, Wilno

דער העלד פון דער דאָזיקער שפּיל איז אַן אָפּגעלאָזענער, אַן אומ־פּינקטלעכער יינגל (אַ שלומפּער). קיין זאַך איז ביי אים קיינמאָל ניט אויף אַן אָרט. ער קען ניט איינטיילן ווי געהעריק די צייט און דעריבער קומט אים שטענדיק אויס זיך צו איילן און צו פאַרשפּעטיקן.

דאָס בילד איז געבויט אויף אַ גיכן טעמפּ. ביים שלומפּער קומט אַלץ אַרויס שלימזלדיק. דער רעזולטאַט דערפון איז דער, וואָס ער פאַרשפּעטיקט ניט נאָר אין שול, נאָר אויך אויף דער פאָרשטעלונג אין טעאַטער.

די קינדער, וואָס לאַכן אָפּ פון שלומפּער, זיינען אָנגעטאָן איינפאַך.

דער שלומפּער – אין אַ קאָלירט העמדל. די הויזן, מיט פאַרקאַשערטע קאַלאָשעס, זיינען ערטערווייז צעריסן. אַן אַרבל פון העמדל איז אויך צעפליקט, די האָר — צעשויבערט, דאָס היטל און מאַנטל—צעריסן, די שיך—שמוציק, די זאָקן—אין לעכער און פון פאַרשיידענעם קאָליר.

דער ציל פון דער פאָרשטעלונג איז – צו ווייזן די שלעכטע זייטן פון אַן אָפּ־געלאָזענעם שלומפּער. דער עולם דאַרף כסדר לאַכן פון דעם שלומפּער, דאַרף אים ניט מיטפילן אפילו דאַן, ווען ער וויינט נאָכן פאַרשפּעטיקן אין טעאַטער.

די הויפּט־שוועריקייט 'ביים שפּילן די ראָל פונעם שלומפּער איז — קענען גוט באַהערשן אַלע קעגנשטאַנדן, מיט וועלכע מע האָט צו טאָן ביים שפּילן.

אָנטיילנעמער:

—

אַ יינגל—אַן אָפּגעלאָזענער.
עטלעכע מיידלעך.

———

ס'קלינגט דער טעלעפאָן. דער יינגל שלאָפט, קערט זיך פון איין זייט אויפן אַנדערן.

יינגל (גענעצט) אַ־אַ־אַ! אַ־אַ־אַ!

ווער האָט זיך דאָס דאָרטן צעקלונגען?
מע לאָזט גאָרניט צומאַכן מיט אַן אויג!..

(פּרוווט ווידער איינשלאָפן. דער טעלעפאָן קלינגט נאָך שטאַרקער).

וועמען אַרט דאָס? זאָל מען!
מע וועט קלינגען און מע וועט אויפ־הערן.

(דער טעלעפאָן קלינגט נאָך שטאַרקער).

פאַרפאַלן, מע וועט מוזן צוגיין.

(שטייט אויף. נעמט דאָס טרייבל).

אַ־אַ־אַ! (גענעצט אין טעלעפאָן) אַ־אַ־אַ!
וואָס? וואָס? אין שול? וואָס! אַזוי פרי
קלינגט איר? וואָ־אָ־ס! צען אַ זייגער?!

(וואַרפט אַוועק מיט האַסט דאָס טרייבל).

אָט אַ געשיכטע!

(הייבט אָן אַרומצופליען איבערן צימער).

ווו זיינען מיינע זאָקן? ווו זיינען
די שיך? אוי, אוי, גיכער!

(קריכט אונטערן בעט. שלעפּט אַרויס אַ קאַלאָש אָנשטאָט אַ שוך).

אַך, גאָר אַ קאַלאָש!.. איין זאָק
איז דאָ, ווו איז די אַנדערע?

(טוט אָן איין ברוינע זאָק און זוכט איבערן צימער די צווייטע. שלעפּט ענדלעך אַרויס פון ערגעץ אַ צווייטע זאָק – אַ חבֿרטע. טוט זי אָן.

גיכער, גיכער! הײַנט פֿירט מען
אונדז אין טעאַטער!
(טוט אָן די שיך, פֿאַרבײַט דעם רעכטן
אויפֿן לינקן און פֿאַרקערט).

אָט װעט דאָס זײַן פֿרײלעך!
(שטעלט זיך) אױ, װאָס טוען מיר אַזױ
װײ די פֿיס! כ'קען גאָרניש גײן! בין
איך אָפֿשר גאָר קראַנק געװאָרן?
(גײט אַרום איבערן צימער אויסשפּרײטנדיק
אומגעלומפּערט די פֿיס אין די זײַטן)

פֿו! אָט אַ מזל!—די שיך פֿאַרביטן
(זעצט זיך אויפֿן דיל און בײַט איבער
די שיך, שפּרינגט אויף)

נו, אַ גוטן, איך גײ אַװעק!
(נעמט דעם מאַנטל, שטעקט אַרײַן אַ האַנט
אין אַרבל...

אין דעם שפּרינגט אַרויס אַ מײדל,
װיל רײדן אין טעלעפֿאָן, נעמט דאָס טרײַבל,
דערזעט דעם ייִנגל).

מײדל: װוּ האָסטו זיך דאָס אַזױ
אויסגעפּוצט? די זאָקן זײַנען דאָך בײַ
דיר פֿאַרשײדענע! חברה, איר װײסט?

ער האָט דאָך אָנגעטאָן פֿאַרשײדענע
זאָקן!
(רעדט צו עמעצן אין די קוליסן. אַנטלויפֿט.
ס'הערט זיך אַ געלעכטער).

ייִנגל: נו, איז פֿאַרשײדענע! כ'זאָג
אײַך — אַ װיכטיקע מעשׂה! מ'קען
איבערבײַטן! (טוט זיך איבער) נו, שוין
ניט קײן פֿאַרשײדענע. פֿאַרטיק!
נו, אַ גוטן, איך גײ אַװעק!
(נעמט דאָס היטל).
(פֿון פֿאַרשײדענע זײַטן פֿון די קוליסן באַ-
װײַזן זיך מײדלעך און באַטראַכטן אים).

מײדלעך: זעט, סאַר אַ שמוציקע
שיך! װאָלסט זײ אָפּגעפּוצט! (אָפּ).

ייִנגל: (קערט זיך אום) װוּ האָט
זיך דאָ געװאַלגערט דאָס בערשטל?
װוּ האָב איך עס פֿאַרכאָװן געקענט
פֿאַררוקן? (דערמאָנט זיך) יאָ
(שלעפּט אַרויס דאָס בערשטל. רײניקט די שיך).
איך פֿאַרשטײ ניט: װאָס האָט מען דאָס
אויסגעטראַכט צו רײניקן שיך?

סאַ-װײ-סײַ

װעלן זײ זיך דאָך אײַנריכטן! (רײניקט)
או!.. ס'איז מיר הײס געװאָרן!
(װישט אָפּ מיט דער האַנט דעם שטערן, שמירט זיך אױס אין שװואַקס).

נו, אַ גוטן, איך גײ אַװעק!
(הײבט אױף דאָס היטל).
(פֿון הינטער די קוליסן באַװײַזן זיך מײדלשע קעפּלעך)

מײדלעך: זעט, װי ער האָט זיך דאָס אױסגעשמירט! כאַ־כאַ־כאַ! גיב נאָר אַ קוק אין שפּיגל! כאַ־כאַ־כאַ! (װערן ניט)

ייִנגל: אַזױ װעל איך שױן קײן מאָל ניט אַװעקגײן! בעסער ניט גע־דאַרפֿט רײניקן די שיך! איצט גײ װאַש זיך!..
(װאַשט זיך, גײט אַרום אײַנגעבױגן איבערן צימער, אױסגעשטרעקט די הענט).

נו, איצט איז װי שטענדיק דער האַנטעך פֿאַרפֿאַלן געװאָרן... האַנטעך, האַנטעך! קיס... קיס... קום אַהער! װוּ האָט ער זיך געקענט באַהאַלטן?

גוט, איכ'ל שױן אױסקומען אָן אַ האַנטעך! (גײט צו צום בעט, װישט זיך אָן קישן. ריכט אײַן די האָר אין פֿעדערן).

נו, אַ גוטן, איך גײ אַװעק!
(שטעקט אַרײַן די הענט אין די קעשענעס, דערגײט ביז צו די קוליסן. שטױסט זיך אָן אױף אַ לױפֿנדיקער מײדל).

מײדל: זעט, אַ גאַנצע נעסט בײַ אים אין קאָפּ! אָט אַזױ גײסטו דאָס אין טעאַטער? חבֿרה! חבֿרה!
(די מײדלעך לױפֿן אַרײַן).

מײדלעך: כאַ־כאַ־כאַ!
(לױפֿן זיך פֿונאַנדער און באַהאַלטן זיך).

ייִנגל: (כאַפּט זיך פֿאַרן קאָפּ און טרײסלט אים מיט כּעס) ניט געדאַרפֿט זיך װאַשן!.. װאָלט מען זיך ניט דאַרפֿן װישן! װוּ איז אַ קעמל? (װאַרפֿט זיך איבערן צימער, שלײַדערט איבער אַלע זאַכן) ניט דאָס! װײַטער ניט דאָס! (אַלץ פֿאַלט בײַ אים פֿון די הענט) װוּ קען זי דאָס זײַן? װוּ איז זי דאָס אַהינגעקומען? נו, ס'װעט אַזױ אױך זײַן גוט!
(שטעקט אַרײַן אַ פֿוס אין אַ קאַלאָש)

נו, אַ גוטן, איך גײ אַװעק!
(עס רוקן זיך אַרױס און באַהאַלטן זיך באַלד צװײ מײדלעך)

מײדלעך: אַ קאַלאָש, אַ קאַלאָש האָסטו פֿאַרגעסן!

ייִנגל: זײ האָבן מיר שױן דערעסן, די מײדלעך! (מישט זײ איבער) פֿאַרגעסן! פֿאַרגעסן!.. איז ניט אַלץ אײנס — אײן קאַלאָש אָדער צװײ? ס'איז נאָך בעסער! דערװײַל װעט אײן קאַלאָש בלײַבן גאַנץ.
(כאַפּט די ביכער און גײט. אין װעג פֿאַלן די ביכער אַרױס. ער לײגט אָבער אױף דעם קײן אַכט ניט).

נו, אַ גוטן, איך גײ אַװעק!
(פֿון דער אַנדער זײַט שפּרינגען אַרױס דרײַ מײדלעך).

מײדלעך: די ביכער, די ביכער האָסטו פֿאַרלאָרן! לעמזע! (באַהאַלטן זיך).

ייִנגל: (קלײַבט אױף גיך צונױף די ביכער) װידער די זעלביקע מײַסע! אָט אַזױ װעל איך זיך שױן פֿון דאַנען קײנמאָל ניט אַרױסקלײַבן! נו, איצט איז שױן, דאַכט זיך, אַלץ אין אָרדענונג!
(שמירט אײַן די הענט אין טינט פֿון אַ טינטערל. לײגט אױף דעם קײן אַכט ניט).

נו, אַ גוטן, איך גײ אַװעק! (לױפֿט)

מײדלעך: (שפּרינגען אַרױס) װוּהין? װוּהין? (לאָזן אים ניט) די הענט זײַנען דאָך בײַ דיר אין טינט!

ייִנגל: טשעפּעט זיך אָפּ פֿון מיר! אױ, װוּ איז װאַסער? אױ, גיכער!
(װאַשט מיט היץ די הענט).

אַ פײַנע מײַסע, ס׳וואַשט זיך גאָר
גיט אָפּ! אָפּשר מיט פּראָשעק באַוואַסן?!
(רײַבט מיט צאָן-פּראָשעק; דער פּראָשעק
צעשיט זיך) שוין גוט! איצט איז גוט!

נו, אַ גוטן, איך גײ אַוועק!

(לויפט צו די קוליסן).

מײדלעך: האַלט! וואַרט! מיר וועלן
דיך אַרומפּוצן (רײַביקן אים, רינגלען אים
אַרום פון אַלע זײַטן).

ייִנגל: איצט שוין ענדלעך אַלץ.

נו, אַ גוטן, איך גײ אַוועק!

(עס קלינגט דער טעלעפאָן).

מײדל: האַלאָ! הער, הער, מע רופט
דיך צום טעלעפאָן.

ייִנגל: (כאַפּט דאָס טרײַבל) וואָס הײסט,
פאַרוואָס בין איך אין שול ניט געווען?
איך גײ דאָך! פון וואַנען קלינגסטו?
פון טעאַטער? וואָס הײסט — שוין גע-
ענדיקט? שוין?!.. (לײגט אַוועק דאָס טרײַבל,
זעצט זיך אויפן דיל און װײנט זיך פונאַנדער)

פאַרשפּעטיקט! אין טעאַטער איז שוין
אַלץ געענדיקט!..

(די מײדלעך מאַכן אַרום אים אַ קאַראַהאָד
און זינגען אַ שפּאַטלידל).

פאָרהאַנג.

לערנביכער אויף יידיש

פון ש. באַסטאָמסקי און מ. חיימסאָן

1. „לעבעדיקע קלאַנגען״—אילוסטרירטער א״ב.
2. „לעבעדיקע קלאַנגען״—כרעסטאָמאַטיע 1-טער טייל
3. „לעבעדיקע קלאַנגען״—כרעסטאָמאַטיע 2-טער טייל
4. „לעבעדיקע קלאַנגען״—כרעסטאָמאַטיע 3-טער טייל
5. „לעבעדיקע קלאַנגען״—כרעסטאָמאַטיע 4-טער טייל
6. „לעבעדיקע קלאַנגען״—כרעסטאָמאַטיע 5-טער טייל
7. דאָס לעבעדיקע וואָרט (ש. באַסטאָמסקי און ז. רייזען) כרעסטאָמאַטיע פאַרן VI און V לערניאָר
8. דאָס „נײַע וואָרט״ – כרעסטאָמאַטיע פאַר עלטערע קלאַסן. אין 3 בענדער: עפּאָס, ליריק און דראַמע.
9. באַוועגלעכע כרעסטאָמאַטיע פון ש. באַסטאָמסקי. (40 באַזונדערע העפטן).

די „לעבעדיקע קלאַנגען״, „דאָס לעבעדיקע וואָרט״ און „דאָס נײַע וואָרט״ זיינען רעקאָמענדירט פון דער צענטראַלער יידישער שול-אָרגאַניזאַציע און זיינען אָנגענומען אין די יידישע שולן אין דער גאַנצער וועלט.

נייע רעכנביכער!

שוין דערשינען

צוויי נײַע רעכנביכער פון ש. באַסטאָמסקי

1. אַריטמעטישער רעכנבוך פאַרן צווייטן לערניאָר – צאָלן פון ערשטן הונדערט. ערשטע ידיעות פון געאָמעטריע.
2. אַריטמעטישער רעכנבוך – ברוכצאָלן.

מיט באַשטעלונגען זיך ווענדן:

S. Bastomski Wilno, Stefańska 24.

Konto P. K. O. 81.899.